# אריבערגאנג אינפארמאציע פאר עלטערן
# אריינגערעכנט שריט פאר אריבערגאנג
# (Transition Information for Parents Including Steps for Transition)

NEW YORK STATE DEPARTMENT OF HEALTH
Bureau of Early Intervention

**טייערע עלטערן/לעגאלע היטער/סאראגאט:**

אייער קינד וועט אט ווערן דריי יאר אלט און קען זיין בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן. אויב מען טרעפט אז אייער קינד איז בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן, קען אייער קינד אדער:

אנפאנגען פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן אום ____________________

**אדער**

פארבלייבן אין די אירלי אינטערווענשאן פראגראם (Early Intervention Program) ביז ___________________ און אנפאנגען פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן די טאג דערנאך.

עס איז מעגליך אז אייער קינד וועט נישט נאכקומען די פארלאנגען פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן. אין דעם פאל, וועט אייער קינד'ס אירלי אינטערווענשאן פראגראם סערוויסעס זיך ענדיגן די טאג איידער אייער קינד ווערט דריי יאר אלט. אייער סערוויס קאארדינירער (Service Coordinator) וועט אייך העלפן אנטוויקלען אן אריבערגאנג פלאן וואס וועט איינרעכנען די קומענדיגע שריט פאר אייער קינד און אייער פאמיליע, און רעפערלס צו אנדערע הילף און סערוויסעס.

*בלויז די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן (Committee on Preschool Special Education)* פון אייער לאקאלע סקול דיסטריקט קען באשליסן אויב אייער קינד איז בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן.

די מעלדונג זאגט אייך וועגן די שריט וואס איר, אייער סערוויס קאארדינירער, און די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן דארפן נעמען אויסצוגעפונען אויב אייער קינד קומט נאך די פארלאנגען פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן. די שריט רעכנט אריין:

- פלאנירן מיט אייער סערוויס קאארדינירער די שריט און סערוויסעס וואס וועלן העלפן אייער קינד אריבערגיין פון די אירלי אינטערווענשאן פראגראם צו פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן,
- באשליסן אויב איר ווילט זיך אויסשרייבן (שריפטליך) פון די מעלדונג צו די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן אז אייער קינד קען מעגליך זיין בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן,
- זיך טרעפן, אויב איר באשליסט דאס צו טון, מיט אייער סערוויס קאארדינירער און קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן סערוויסעס טשיערפערזאן (chairperson) אדער פארטרעטער (אריבערגאנג קאנפערענץ (Transition Conference)),
- רעפערירן אייער קינד צו די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן,
- באשליסן וועלכע אירלי אינטערווענשאן פראגראם רעקארדס וועלן ווערן געשיקט צו די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן,
- האבן אייער קינד אפגעשאצט דורך די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן, און
- באשטימען אייער קינד'ס אריבערגאנג דאטום.

אויב אייער קינד ווערט נישט אפגעשאצט דורך די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן און ווערט נישט געפונען בארעכטיגט פאר סערוויסעס דורך די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן איידער אייער קינד ווערט דריי יאר אלט, וועט זיך אייער קינד'ס אירלי אינטערווענשאן פראגראם סערוויסעס ענדיגן *די טאג איידער אייער קינד'ס דריטע געבורטסטאג*. **געדענקט**, די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן מוז באשליסן אויב אייער קינד איז בארעכטיגט *איידער אייער קינד ווערט דריי יאר אלט*, צו מאכן זיכער אז אייער קינד באקומט די סערוויס וואס ער/זי דארף.

**ביטע לייענט גרינטליך דורך די פאלגנדע אינפארמאציע.**
אייער סערוויס קאארדינירער וועט קענען ענטפערן סיי וועלכע פראגעס וואס איר קענט האבן.

## שריט צום אריבערגאנג

- אייער סערוויס קאארדינירער וועט זיך טרעפן מיט אייך צו אנטוויקלען אן אריבערגאנג פלאן וואס וועט אידענטיפיצירן די שריט וואס מען דארף נעמען צו העלפן אייך און אייער קינד פארלאזן דעם אירלי אינטערוועונשאן פראגראם און אנפאנגען נייע סערוויסעס אזוי ווי פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן, Head Start, א.ד.ג. די אריבערגאנג פלאן זאל אריינרעכענען סיי וועלכע הילף און שטיצע וואס איר אדער אייער קינד וועט מעגליך דארפן זיך איינצוגעוואוינען צו די ענדערונגען אין סערוויסעס.
- אייער סערוויס קאארדינירער מוז מעלדן אייער סקול דיסטריקט אז אייער קינד קען זיין בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן פראגראמען און סערוויסעס. איר וועט האבן די געלעגנהייט שריפטליך זיך ארויסצושרייבן (זיך קעגנשטעלן) צו די מעלדונג. אייער סערוויס קאארדינירער קען נישט נעמען די שריט אויב איר טוט זיך שריפטליך ארויסשרייבן (זיך קעגנשטעלן).
- אייער סערוויס קאארדינירער מוז אייך אנטראגן די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט דער סערוויס קאארדינירער און דער טשעירפערזאן פון די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן (אדער זייער פארטרעטער) צוזאמען. אויב אייער קינד ערהאלט שוין, אדער דארף מעגליך נאך סערוויסעס פון אן אנדערן סטעיט אגענטור, קען עס זיין פאסיג אז א פארטרעטער פון יענע אגענטור זאל אויך זיין אנוועזנד. דער זיצונג ווערט אנגערופן אן אריבערגאנג קאנפערענץ.

**איר באשליסט אויב איר ווילט אן אריבערגאנג קאנפערענץ. מען וועט אייך פרעגן אויב איר גיבט צושטימונג פאר אייער סערוויס קאארדינירער אז מען זאל האבן די קאנפערענץ. *אויב איר ווילט אן אריבערגאנג קאנפערענץ, דארף מען אייער צושטימונג כדי דער סערוויס קאארדינירער זאל קענען ארגאנזשירן דעם קאנפערענץ.* איר קענט אפזאגן די קאנפערענץ.**

**די אריבערגאנג קאנפערענץ דארף פארקומען אין א צייט און פלאץ וואס איז גוט פאר אלע באטייליגטע. דער קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן טשעירפערזאן/פארטרעטער קען אנטיילנעמען דורכ'ן טעלעפאן.**

**די הויפט צילן פון די אריבערגאנג קאנפערענץ זענען צו:**

- איבערגיין די אונטערשיידן צווישן די אירלי אינטערוועונשאן פראגראם און פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן סערוויסעס,
- רעדן איבער וויאזוי און ווען צו רעפערירן אייער קינד צום קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן,
- רעדן איבער די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן אפשאצונג און בארעכטיגונג פראצעדור,
- ענטפערן סיי וועלכע פראגעס וואס איר קענט האבן,
- איבערגיין די אויסוואלן פאר סערוויסעס דורך די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן פאר אייער קינד, און
- אנטוויקלען אדער איבערמאכן אן אריבערגאנג פלאן.

צו איר ווילט אויס יא אדער נישט צו האבן אן אריבערגאנג קאנפערענץ, קענט איר באשליסן צו רעפערירן אייער קינד צו די סקול דיסטריקט'ס קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן. אייער סערוויס קאארדינירער קען אייך העלפן מאכן די רעפערל.

**איר וועט דארפן רעפערירן אייער קינד מיט גענוג צייט אז אייער קינד זאל קענען ווערן אפגעשאצט דורך די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן, און פאר די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן צו מאכן א באשלוס וועגן אייער קינד'ס בארעכטיגונג פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן איידער אייער קינד'ס דריטע געבורטסטאג. אויב נישט, וועלן אירלי אינטערוועונשאן פראגראם סערוויסעס זיך ענדיגן די טאג איידער אייער קינד'ס דריטע געבורטסטאג.**

- איינמאל אייער קינד ווערט רעפערירט, וועט זיך די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן זיך פארבינדן מיט אייך צו זאגן וויאזוי צו האבן אייער קינד אפגעשאצט. ***די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן וועט אייך בעטן אייער צושטימונג צו האבן אייער קינד אפגעשאצט.***

**שרייבט אונטער און שיקט צוריק די אפשאצונג צושטימונג בויגן *זאפארט* . די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן מוז האבן גענוג צייט נאך זיי באקומען אייער צושטימונג אפצושאצן אייער קינד און באשליסן אויב אייער קינד איז בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן איידער אייער קינד ווערט דריי. די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן וועט זיך פארבינדן מיט אייך צו ארגאנזשירן אייער קינד'ס אפשאצונג.**

**אויב איר שרייבט נישט אונטער און שיקט נישט צוריק די צושטימונג אפצושאצן אייער קינד, דארף די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן זיך צו פארבינדן מיט אייך צו מאכן זיכער אז איר האט ערהאלטן און פארשטאנען די מאטריאלן.**

- אייער קינד'ס אירלי אינטערוועונשאן פראגראם רעקארדס קענען גענוצט ווערן דורך די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן צו באשליסן וויאזוי אפצושאצן אייער קינד. אייער סערוויס קאארדינירער וועט ארבעטן מיט אייך צו אידענטיפיצירן אפשאצונג באריכטן און אנדערע רעקארס פון די אירלי אינטערוועונשאן פראגראם וועלכע קענען זיין הילפבאר. אייער סערוויס קאארדינירער ***וועט דארפן אייער צושטימונג*** צוצושטעלן פאר די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן אירלי אינטערוועונשאן פראגראם אפשאצונג באריכטן און רעקארדס וועלכע קענען זיין הילפבאר.
- די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן מוז האבן א זיצונג צו מאכן א באשלוס איבער אייער קינד'ס בארעכטיגונג און סערוויסעס און דארף צושטעלן א רעקאמענדאציע צו די באורד אוו עדיוקעישאן (Board of Education), אינערהאלב ***<u>60 קאלענדאר טעג</u>*** פון באקומען אייער צושטימונג אפצושאצן אייער קינד.

**פונקט אזוי ווי איר זענט א מיטגליד פון אייער אינדיווידועליזירטע פאמיליע סערוויס פלאן (Individualized Family Service Plan) טיעם, וועט איר אויך זיין א מיטגליד פון די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן פאר אייער קינד.**

**איר קענט בעטן דעם קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן איינצולאדענען אייער אירלי אינטערווענשאן פראגראם סערוויס קאארדינירער צו די זיצונג.**

**איר קענט פארלאנגען אז נאך אן עלטערן מיטגליד פון די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן זאל זיין אנוועזנד ביי די זיצונג. די פארלאנג דארף געמאכט ווערן צום קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן כאטש 72 שעה איידער די זיצונג. נאך אן עלטערן מיטגליד איז די עלטערן פון א קינד מיט א דיסאביליטי וועלכע וואוינט אין די סקול דיסטריקט אדער א דערנעבנדע סקול דיסטריקט.**

- אויב אייער קינד איז בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן, וועט אן אינדיווידועליזירטע עדיוקעישאן פראגראם ווערן אנטוויקלט פאר אייער קינד.

**די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן וועט ערקלערן די אונטערשיידן צווישן אייער קינד'ס אינדיווידועליזירטע עדיוקעישאן פראגראם און אינדיווידועליזירטע פאמיליע סערוויס פלאן.**

**איר קענט אויסוועלן אנצופאנגען פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן פראגראמען און סערוויסעס ווען אייער קינד ווערט בארעכטיגט, אדער בלייבן אין די אירלי אינטערווענשאן פראגראם ביז אייער קינד ווערט צו אלט.**

**אויב איר באשליסט אז אייער קינד זאל פארבלייבן אין די אירלי אינטערווענשאן פראגראם, קענט איר אויסוועלן צו איבערלאזן די אירלי אינטערווענשאן פראגראם און אנפאנגען אייער קינד אין פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן פראגראמען און סערוויסעס סיי ווען דורך זיך פארבינדן מיט דער קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן טשיערפערזאן.**

- אויב אייער קינד איז ***נישט*** בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן, וועלן אירלי אינטערווענשאן פראגראם סערוויסעס זיך ענדיגן די טאג איידער אייער קינד ווערט דריי יאר אלט.

**אייער קינד'ס אריבערגאנג פלאן וועט ווערן איבערגעקוקט און איבערגעטוישט אויב נויטיג.**

**אויב אייער קינד און פאמיליע דארפן אנדערע סערוויסעס, וועט די פלאן אריינרעכענען די סערוויסעס, און שריט אייך צו העלפן באקומען די סערוויסעס.**

- אויב איר זענט נישט איינשטימיג מיט די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן'ס באשלוס איבער בארעכטיגונג אדער סערוויסעס, אדער אויב איר האט אריינגעשיקט אייער צושטימונג צו האבן די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן אפשאצן אייער קינד מיט גענוג צייט פאר די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן צו מאכן א באשלוס אויב אייער קינד איז בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן סערוויסעס איידער אייער קינד ווערט דריי און די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן האט נישט פארענדיגט איר ארבעט אין צייט, האט איר דיו פראצעדור רעכטן אונטער די עדיוקעישאן געזעץ.

איר קענט:

- זיך פארבינדן מיט אייער ספעציעלע עדיוקעישאן קוואליטעט זיכערהייט ראיאנישע אפיס (Special Education Quality Assurance Regional Office) פאר קלארקייט אדער טעכנישע הילף.
- בעטן פאר אן איבערזיכט אדער יושר'דיגע הירינג אויף די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן'ס באשלוס אויב זיי האבן נישט געמאכט א באשלוס אין צייט.

אייער קינד האט די רעכט צו ערהאלטן די סערוויסעס וואס איר האט צוגעשטימט מיט די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן, אינעם צייט וואס איר ווארט פאר אן ענדגילטיגע באשלוס צו ווערן געמאכט. אויב איר און די קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן קענען נישט צושטימען איבער די סערוויסעס וואס אייער קינד דארף, וועט א יושר'דיגע הירינג באאמטער באשליסן וועלכע סערוויסעס אייער קינד דארף צו ערהאלטן דורכאויס די צייט.

אויב אייער סערוויס קאארדינירער געבט אייך נישט די אינפארמאציע וואס איר דארפט אין א צייטליכן אופן כדי אייך צו רעפערירן אייער קינד צום קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן, קענט איר האבן דיו פראצעדור רעכטן אונטער פובליק געזונטהייט געזעץ, אריינגערעכנט איבערזיכט און יושר'דיגע הירינג.

פונדעסטוועגן, ווערן די דיו פראצעדורן רעכטן בלויז אוועילעבל:

- אויב איר געבט אייער סערוויס קאארדינירער צושטימונג אין צייט צו אראנזשירן אן אריבערגאנג קאנפערענץ (סיידן איר זאגט פאר דער סערוויס קאארדינירער אז איר ווילט נישט אן אריבערגאנג קאנפערענץ), און
- אויב איר רעפערירט אייער קינד צום קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן מיט גענוג צייט פאר דער קאמיטעט פון פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן צו מאכן א באשלוס, איידער אייער קינד ווערט דריי, אויב אייער קינד איז יא אדער נישט בארעכטיגט פאר פרי-סקול ספעציעלע עדיוקעישאן סערוויסעס.